LIT 5503 / Roskies IV

# The Last Demon

## מעשה טישעוויץ

I

I, a demon, bear witness that there are no more demons left. Why demons, when man himself is a demon? Why persuade to evil someone who is already convinced? I am the last of the persuaders. I board in an attic in Tishevitz and draw my sustenance from a Yiddish storybook, a leftover from the days before the great catastrophe. The stories in the book are pablum and duck milk, but the Hebrew letters have a weight of their own. I don't have to tell you that I am a Jew. What else, a Gentile? I've heard that there are Gentile demons, but I don't know any, nor do I wish to know them. Jacob and Esau don't become in-laws.

I came here from Lublin. Tishevitz is a God-forsaken village; Adam didn't even stop to pee there. It's so small that a wagon goes through town and the horse is in the market place just as the rear wheels reach the toll gate. There is mud in Tishevitz from Succoth until Tishe b'Ov. The goats of the town don't need to lift their beards to chew at the thatched roofs of the cottages. Hens roost in the middle of the streets. Birds build nests in the women's bonnets. In the tailor's synagogue a billy goat is the tenth in the quorum.

Don't ask me how I managed to get to this smallest letter in the smallest of all prayer books. But when Asmodeus bids you go, you go. After Lublin the road is familiar as far as Zamosc. From there on you are on your own. I was told to look for an iron weathercock with a crow perched upon its comb on the roof of the study house. Once upon a time the cock turned in the wind, but for years now it hasn't moved, not even in thunder and lightning. In Tishevitz even iron weathercocks die.

I speak in the present tense as for me time stands still. I arrive. I look around. For the life of me I can't find a single one of our men. The cemetery is empty. There is no outhouse. I go to the ritual bathhouse, but I don't hear a sound. I sit down on the highest bench, look down on the stone on which the buckets of water are poured each Friday, and wonder. Why am I needed here? If a little demon is wanted, is it necessary to import one all the way from Lublin? Aren't there enough devils in Zamosc? Outside the sun is shining—it's close to the sum-

א

איך א שד, זאג עדות, אז ס'זענען מער נישטא קיין שדים. צו וואס שדים, ווען דער מענטש אליין איז איצט א שד? צו וואס אנרעדן צו שלעכטס ווען דער אנגערעדטער איז סײַ ווי גרייט? איך בין אפשר דער לעצטער צווישן די נישט־גוטע. איך האלט מיך אויף אויף א בוידעם אין טישעוויץ, צי חיונה פון א מעשה־ביכל אויף יידיש־טײַטש וואס האט זיך דא פארוואלגערט פון פארן חורבן. די מעשה אליין איז קובעבע מיט קאטשקע־מילך, אבער יידישע אותיות האבן א האפט. ווי שטייט עס דארט? אותיות מחכימות. כ'דארף אײַך נישט זאגן, אז כ'בין א ייד. וואס דען בין איך, א גוי? מ'זאגט ס'זענען דא גויישע שדים אויך, אבער נישט כ'קען זיי און נישט כ'וויל זיי קענען. יעקב און עשו זענען נישט קיין מחותנים.

געקומען אהער בין איך פון לובלין. טישעוויץ איז א העק, ווו אדם הראשון האט נישט משתין געווען. אזוי קליין איז דאס שטעטל, אז ווען ס'פארט ארײַן א וואגן, איז דער קאפ פון פערד אין מארק און די הינטערשטע ראד בײַ דער ראגאטקע. די בלאטע דויערט פון נאך סוכות ביז א שטיק נאך שבועות. ווען די ציגן פון טישעוויץ קײַען דאס שטרוי פון די דעכער, דארפן זיי נישט אונטערהייבן די בערדלעך. הינער זיצן אויף אייער אין מיטן גאס. פייגל בויען נעסטן אין די ווײַבערשע קאפקעס. אין שנײַדערשן שולכל איז מען מצרף צום מנין דעם קהלשן באק. איך רעד בלשון איצט, ווײַל בײַ מיר שטייט די צײַט.

ווי אזוי כ'האב געפונען דעם דאזיקן טל־ומטר אין א קליין סידורל, פרעגט מיך נישט. אבער אז אשמדאי שיקט, גייט מען. ביז זאמאשטש איז דער וועג א היימישער. פון דארט אן איז מען אויפן אייגענעם באראט. מ'האט מיר געגעבן א סימן: אויפן דאך פון בית־מדרש טורעמט אן אײַזערנער האן און אויפן קאם זײַנעם שטייט אלע מאל א קרא. א מאל האט דער האן זיך געדרייט אין ווינט, אבער שוין יארן ווי ער רירט זיך נישט פון ארט, מעג דונערן און בליצן. אין טישעוויץ קאן אן אײַזערנער האן אויך פגרן.

איך בין געקומען, אבער מ'זעט נישט קיינעם פון אונדזערע לײַט אויף א רפואה. ס'בית־הקברות איז ליידיק. קיין אפטריט איז נישטא. כ'בין אוועק אין באד, אבער מ'הערט נישט קיין שארך. כ'זיץ אויף דער העכסטער באנק, קוק אראפ אויפן שטיין וואס מ'גיסט אויף אים פרייטאג די שעפעלעך און כ'חידוש זיך: וואס, א שטייגער, דארף מען מיך דא? און אויב מ'דארף א שדל, האט מען געדארפט ברענגען אזש פון לובלין? ס'פעלן אויס לאפיטוטן אין זאמאשטש? אין דרויסן שײַנט די זון (ס'איז פאר תקופת

mer solstice—but inside the bathhouse it's gloomy and cold. Above me is a spider web, and within the web a spider wiggling its legs, seeming to spin but drawing no thread. There's no sign of a fly, not even the shell of a fly. "What does the creature eat?" I ask myself, "its own insides?" Suddenly I hear it chanting in a Talmudic singsong: "A lion isn't satisfied by a morsel and a ditch isn't filled up with dirt from its own walls."

I burst out laughing.

"Is that so? Why have you disguised youself as a spider?"

"I've already been a worm, a flea, a frog. I've been sitting here for two hundred years without a stitch of work to do. But you need a permit to leave."

"They don't sin here?"

"Petty men, petty sins. Today someone covets another man's broom; tomorrow he fasts and puts peas in his shoes. Ever since Abraham Zalman was under the illusion that he was Messiah, the son of Joseph, the blood of the people has congealed in their veins. If I were Satan, I wouldn't even send one of our first-graders here."

"How much does it cost him?"

"What's new in the world?" he asks me.

"It's not been so good for our crowd."

"What's happened? The Holy Spirit grows stronger?"

"Stronger? Only in Tishevitz is he powerful. No one's heard of him in the large cities. Even in Lublin he's out of style."

"Well, that should be fine."

"But it isn't," I say. " 'All Guilty is worse for us than All Innocent.' It has reached a point where people want to sin beyond their capacities. They martyr themselves for the most trivial of sins. If that's the way it is, what are we needed for? A short while ago I was flying over Levertov Street, and I saw a man dressed in a skunk's coat. He had a black beard and wavy sidelocks; an amber cigar holder was clamped between his lips. Across the street from him an official's wife was walking, so it occurs to me to say, 'That's quite a bargain, don't you think, Uncle?' All I expected from him was a thought. I had my handkerchief ready if he should spit on me. So what does the man do? 'Why waste your breath on me?' he calls out angrily. 'I'm willing. Start working on her.' "

"What sort of a misfortune is this?"

"Enlightenment! In the two hundred years you've been sitting on your tail here, Satan has cooked up a new dish of kasha. The Jews have now developed writers. Yiddish ones, Hebrew ones, and they have taken over our trade. We grow hoarse talking to every adolescent, but they print their *kitsch* by the thousands and distribute it to Jews everywhere. They know all our tricks—mockery, piety. They have a hundred reasons why a rat must be kosher. All that they want to do is to redeem the world. Why, if you could corrupt nothing, have you been left here for two hundred years? And if you could do nothing in two hundred years, what do they expect from me in two weeks?"

"You know the proverb, 'A guest for a while sees a mile.' "

"What's there to see?"

"A young rabbi has moved here from Modlv Bozyc. He's not yet thirty, but he's absolutely stuffed with knowledge, knows the thirty-six tractates of the Talmud by heart. He's the greatest Cabalist in Poland, fasts every Monday and Thursday, and bathes in the ritual bath when the water is ice cold. He won't permit any of us to talk to him. What's more he has a handsome wife, and that's bread in the basket. What do we have to tempt him with? You might as well try to break through an iron wall. If I were asked my opinion, I'd say that Tishevitz should be removed from our files. All I ask is that you get me out of here before I go mad."

"No, first I must have a talk with this rabbi. How do you think I should start?"

"You tell me. He'll start pouring salt on your tail before you open your mouth."

"I'm from Lublin. I'm not so easily frightened."

תמוז) און דאָ איז חושכדיק און קאַלט. איבער מײַן קאָפּ הענגט אַ שפּינ־געוועב און אַ שפּין שאָקלט מיט די פּיסלעך, וועבט יאָ, וועבט נישט. קיין פֿליג זעט מען נישט, אַפֿילו נישט קיין שאָל פֿון אַ פֿליג. וואָס עסט זי, פֿרעג איך, ס'אייגענע אינגעווייד? מיט אַ מאָל הער איך ווי זי ענטפֿערט מיט אַ גמרא־ניגון:

— אין הקומץ משביע את הארי ואין הבור מתמלא מחולייתו.

כ'האָב זיך צעלאַכט.

— אַזוי גאָר? וואָס האָסטו דיך עפּעס פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ שפּין?

— כ'בין שוין דאָ געווען אַ וואָרעם, אַ פֿלוי, אַ פֿראָש. כ'זיץ שוין דאָ צוויי הונדערט יאָר און האָב נישט קיין שטאָך אַרבעט. אָבער אַוועק טאָר מען נישט אָן רשות.

— מ'זינדיקט נישט, האַ?

— קלייניע מענטשעלעך, פּיצעלעך עבֿירהלעך. הײַנט גלוסט מען צו יענעמס בעזעם, מאָרגן פֿאַסט מען אַ תּענית און מ'טוט אַרײַן אַרבעס אין די שיך. צײַט ר' אַבֿרהם־זלמן האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער איז משיח בן־יוסף, זענען די געבליטן בײַם עולם פֿאַרגליווערט. ווען איך בין דער שטן וואָלט איך דאָ אַפֿילו נישט געהאַלטן קיין דרדקי־שרעטל.

— ס'קאָסט אים טײַער, האַ?

— וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? — פֿרעגט ער.

— בײַ דער סיטרא־אחרא? נישט פֿויגלדיק.

— וואָס איז? דער יצר־טובֿ האָט זיך געשטאַרקט?

— געשטאַרקט? בלויז אין טישעוויץ איז ער אַ תּקיף. אין די גרויסע שטעט ווייסט מען אַפֿילו נישט אַז ס'איז דאָ אַ יצר־טובֿ. אַפֿילו אין לובלין איז ער שוין אויס קאַפּעלוש־מאַכער.

— איז דאָך גוט.

— טויג ערשט נישט — זאָג איך. — כולו חייבֿ איז פֿאַר אונדז ערגער ווי כולו זכאי. ס'האַלט שוין דערבײַ, אַז מ'וויל מער זינדיקן וויפֿל די כוחות קלעקן. מ'איז זיך מוסר־נפֿש פֿאַר אַ ברעקל עבֿירה. ווי באַלד אַזוי, וואָס דאַרף מען אונדז? אנומלט פֿלי איך איבער דער לעווערטאָווער גאַס, גייט פֿאַרבײַ אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, געלאַקטע פּאות, אַ טכוירענעם טולעפּ, אַ בורשטינען ציגאַרשפּיצל. אַקעגן שפּאַנט אַ פּריצה. פֿאַלט מיר אײַן און כ'זאָג: וואָס זאָגט איר, פֿעטער, צו דער מעציאָצע? מער ווי אויף אַ הירהור האָב איך מיך נישט גערעכט. כ'האָב מורא געהאַט ער זאָל מיך נישט אויסשייגעצן אָדער אָפּשפּײַען. כ'האָב שוין בײַ צײַטנס אַרויסגענומען די פֿאַטשיילע. ערשט ער טוט אַ רוף מיט אַ געבייזער: וואָס רעדסטו צו מיר? בײַ מיר האָסטו געפּועלט, רעד גלײַכער מיט איר...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַנשיקעניש?

— השכּלה. אין די צוויי הונדערט יאָר וואָס דו סעקעסט דאָ האָט דער יצר־הרע פֿאַרקאָכט אַ פֿרישע קאַשע. ס'זענען אויפֿגעקומען שרײַבער בײַ ייִדן, אויף לשון־קודש, אויף עבֿרי־טײַטש, און זיי האָבן איבערגענומען אונדזער מלאכה. מיר דאַרפֿן זיך רײַסן דעם האַלדז מיט יעדן חמור־אייזל באַזונדער, אָבער יענע דרוקן זייערע שמאָנצעס אין אַ סך קאָפּיעס און צעשיקן בכל־תּפֿוצות־ישׂראל. זיי קענען אַלע אונדזערע שטיק; שפּאָט איז שפּאָט און פֿרומקייט איז פֿרומקייט. זענען מטהר דעם שרץ בק"ן טעמים. ווילן נישט אַנדערש נאָר אויסלייזן די וועלט. וואָס האָט מען דיך דאָ געלאָזט זיצן צוויי הונדערט יאָר ווי באַלד דו קאָנסט גאָרנישט קאַליע מאַכן? און אויב דו קאָנסט קיינעם נישט איבערפֿירן אין צוויי הונדערט יאָר, וואָס קאָן איך פֿאַרדאַרבן אין צוויי וואָכן?

— מ'זאָגט: אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, זעט אויף אַ מײַל.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו זען?

— עפּעס אַ רבֿ האָט זיך אַהער אַריבערגעקליבן פֿון מזל־באָזשיץ. אַ יונגער־מאַן נאָך פֿאַר די שלושים, אָבער מלא־וגדוש. האָט ש"ס אויפֿן קאָפּ. אַ מקובל אײנער אין פּוילן. פֿאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. טוקט זיך אין קאַלטע מיקוואָות. לאָזט צו זיך נישט רעדן. דערצו האָט ער אַ שיינע רביצין, פּת בסלו. ס'איז דען דאָ מיט וואָס צו פּרוּוון? גיי ריר אָן אַ אײַזערנע מויער. ווען מ'פֿרעגט מיך, דאַרף מען דאָס גאַנצע טישעוויץ אויסמעקן פֿון רייסטער. אויב דו קאָנסט מיך אַרויסנעמען פֿון דאַנען, ראַטעווע מיך ווײַל כ'ווער משוגע!

— פֿריִער מוז איך אַ רעד טאָן צום רבֿ. ווו הייבט מען אָן, האַ?

— אַדרבא, זאָג דו מיר. נאָך איידער דו עפֿנסט ס'מויל, שיט ער דיר שוין זאַלץ אויפֿן וויידל.

— איך בין אַ לובלינער. מיך קאָן מען אַזוי גיך נישט אָפּשרעקן.

## II

On the way to the rabbi, I ask the imp, "What have you tried so far?"

"What haven't I tried?" he sanswers.

"A woman?"

"Won't look at one."

"Heresy?"

**"He knows all the answers."**

**"Money?"**

"Doesn't know what a coin looks like."

"Reputation?"

"He runs from it."

"Doesn't he look backwards?"

"Doesn't even move his head."

"He's got to have some angle."

"Where's it hidden?"

The window of the rabbi's study is open, and in we fly. There's the usual paraphernalia around: an ark with the Holy Scroll, bookshelves, a mezuzah in a wooden case. The rabbi, a young man with a blond beard, blue eyes, yellow sidelocks, a high forehead, and a deep widow's peak sits on the rabbinical chair peering in the Gemara. He's fully equipped: *yarmulka,* sash, and fringed garment with each of the fringes braided eight times. I listen to his skull: pure throughts! He sways and chants in Hebrew, *"Rachel t'unah v'gazezah,"* and then translates, "a wooly sheep fleeced."

"In Hebrew Rachel is both a sheep and a girl's name," I say.

"So?"

"A sheep has wool and a girl has hair."

"Therefore?"

"If she's not androgynous, a girl has pubic hair."

"Stop babbling and let me study," the rabbi says in anger.

"Wait a second," I say, "Torah won't get cold. It's true that Jacob loved Rachel, but when he was given Leah instead, she wasn't poison. And when Rachel gave him Bilhah as a concubine, what did Leah do to spite her sister? She put Zilpah into his bed."

"That was before the giving of Torah."

"What about King David?"

"That happened before the excommunication by **Rabbi Gershom."**

**"Before or after Rabbi Gershom, a male is a male."**

**"Rascal. *Shaddai kra Satan,"*** the rabbi exclaims. Grabbing both of his sidelocks, he begins to tremble as if assaulted by a bad dream. "What nonsense am I thinking?" He takes his ear lobes and closes his ears. I keep on talking but he doesn't listen; he becomes absorbed in a difficult passage and there's no longer anyone to speak to. The little imp from Tishevitz says, "He's a hard one to hook, isn't he? Tomorrow he'll fast and roll in a bed of thistles. He'll give away his last penny to charity."

"Such a believer nowadays?"

"Strong as a rock."

"And his wife?"

"A sacrificial lamb."

"What of the children?"

"Still infants."

"Perhaps he has a mother-in-law?"

"She's already in the other world."

"Any quarrels?"

"Not even half an enemy."

"Where do you find such a jewel?"

"Once in a while something like that turns up among the Jews."

"This one I've got to get. This is my first job around here. I've been promised that if I succeed, I'll be transferred to Odessa."

**"What's so good about that?"**

## ב

אויפֿן וועג זאָג איך צו דעם שרעטל:

— וואָס האָסטו געפּרוּווט?

— וואָס האָב איך נישט געפּרוּווט? — ענטפֿערט ער.

— אַ נקבה?

— ער קוקט נישט.

— אַפּיקורסות?

— האָט אויף אַלץ אַן ענטפֿער.

— געלט?

— קען נישט קיין צורת־מטבע.

— כּבֿוד?

— אַ בורח מן הכּבֿוד.

— קוקט זיך נישט אום אויף צוריק?

— טוט נישט קיין ריר מיטן קאָפּ.

— עפּעס אַ פּניה האָט יעדער איינער.

— וווּ שטעקט זי?

דאָס פֿענצטער אין בית־דין־שטוב איז אָפֿן. מיר פֿליִען אַרײַן. אַן אָרון־קודש, ספֿרים־שענק, אַ מזוזה אין אַ הילצערנער שייד. דער רבֿ, אַ יונגער־מאַן מיט אַ בלאָנד בערדל, בלויע אויגן, געלע פּאות, אַ הויכן שטערן, טיפֿע ווינקלען, זיצט אויף דער כּיסא־רבנות, קוקט אַרײַן אין אַ גמרא. ער איז באַוואָפֿנט מיט אַלץ: אַ קאַפּל, אַ גאַרטל, אַ טלית־קטן, כּפֿול־שמונה ציצית. כ'הער מיך צו צום שיידל: ריינע מחשבֿות. ער טוט זיך אַ שאָקל און נעמט ברומען: רחל טעונה וגזוזה, און ער טײַטשט אויס אויף יידיש־טײַטש: אַ באַוואָקסן שעפּסל און ער האָט עס אָפּגעשוירן...

— רחל, זאָג איך, איז דער טײַטש אַ שעפּסל און רחל איז אויך אַ מיידל.

— נו, איז וואָס?

— אַ שעפּסל האָט וואָל און אַ מיידל האָט האָר.

— איז דעריבער?

— אויב זי איז נישט קיין אַילונית, האָט זי סימני נערות.

— בעבע נישט! לאָז מיך לערנען! — טוט זיך דער רבֿ אַ בייזער.

— וואַרט אַ מינוט — זאָג איך. — די תּורה וועט נישט קאַלט ווערן. יעקבֿ האָט טאַקע ליב געהאַט רחלען, אָבער אַז מ'האָט אים געגעבן לאהן, האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעסמט; און אַז לאה האָט אים דערלאַנגט פֿאַר אַ קעפּסווײַב זלפּהן, האָט רחל אויף צעפּיקעניש אים צוגעשאַנצט בלההן.

— פֿאַר מתּן־תּורה.

— וואָס איז מכּות דוד המלך?

— פֿאַרן חרם דרבנו גרשם.

— פֿאַרן חרם, נאָכן חרם, אַ מאַנצביל איז אַ מאַנצביל.

— שייגעץ! שדי קרע שטן! — טוט דער רבֿ אַ געשריי. ער טוט זיך אַ נעם אָן בײַ די פּאות און שאָקלט זיך'אָפּ ווי פֿון אַ בייז אויסדוכטעניש. — וואָס פֿאַלן מיר עפּעס אײַן אַזוינע שטותים! — חידושט ער זיך. ער כאַפּט זיך אָן בײַ די לעפּלעך און פֿאַרשטאָפּט מיט זיי די אויערן. איך רעד, נאָר ער הערט נישט. ער פֿאַרטיפֿט זיך אין אַ שווער שטיקל מהרש"א און ס'איז שוין נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. מײַן שרעטל רופֿט זיך אָן:

— אַ האַרטער ביסן, האַ? מאָרגן וועט ער פֿאַסטן און זיך קוילערן אין שטעכעכץ. ר'עט צעטיילן דעם לעצטן גראָשן אויף צדקה.

— הײַנטיקע צײַטן אַזאַ מאמין?

— שטאַרק ווי אַ פֿעלדז.

— די רביצין?

— אַן עולה תּמימה.

— די קינדער?

— פּיצלעך.

— אפֿשר האָט ער אַ שוויגער?

— שוין בעלמא דקשוט.

— מחלוקת?

— ר'האָט נישט קיין האַלבן שונא.

— וווּ נעמט זיך עפּעס אַזאַ תּכשיט?

— בײַ ייִדן פֿאַרוואַלגערט זיך.

— כ'מוז אים בײַקומען. ס'איז בײַ מיר ס'ערשטע שליחות. מ'האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב ס'וועט מיר געראָטן, שיקט מען מיך קיין אָדעס.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

The angel in charge of Edom has marshalled a clan of demons against you. Satan lies in wait also. Asmodeus is undermining you. Lilith and Namah hover at your bedside. You don't see them, but Shabriri and Briri are treading at your heels. If the Angels were not defending you, that unholy crowd would pound you to dust and ashes. But you do not stand alone, Rabbi of Tishevitz. Lord Sandalphon guards your every step. Metratron watches over you from his luminescent sphere. Everything hangs in the balance, man of Tishevitz; you can tip the scales."

"What should I do?"

"Mark well all that I tell you. Even if I command you to break the law, do as I bid."

"Who are you? What is your name?"

"Elijah the Tishbite. I have the ram's horn of the Messiah ready. Whether the redemption comes, or we wander in the darkness of Egypt another 2,689 years is up to you."

The rabbi of Tishevitz remains silent for a long time. His face becomes as white as the slips of paper on which he writes his commentaries.

"How do I know you're speaking the truth?" he asks in a trembling voice. "Forgive me, Holy Angel, but I require a sign."

"You are right. I will give you a sign."

And I raise such a wind in the rabbi's study that the slip of paper on which he is writing rises from the table and starts flying like a pigeon. The pages of the Gemara turn by themselves. The curtain of the Holy Scroll billows. The rabbi's *yarmulka* jumps from his head, soars to the ceiling, and drops back onto his skull.

"Is that how Nature behaves?" I ask.

"No."

"Do you believe me now?"

The rabbi of Tishevitz hesitates.

"What do you want me to do?"

"The leader of this generation must be famous."

"How do you become famous?"

"Go and travel in the world."

"What do I do in the world?"

"Preach and collect money."

"For what do I collect?"

"First of all collect. Later on I'll tell you what to do with the money."

"Who will contribute?"

"When I order, Jews give."

"How will I support myself?"

"A rabbinical emissary is entitled to a part of what he collects."

"And my family?"

"You will get enough for all."

"What am I supposed to do right now?"

"Shut the Gemara."

"Ah, but my soul yearns for Torah," the rabbi of Tishevitz groans. Nevertheless he lifts the cover of the book, ready to shut it. If he had done that, he would have been through. What did Joseph de la Rinah do? Just hand Samael a pinch of snuff. I am already laughing to myself, "Rabbi of Tishevitz, I have you all wrapped up." The little bathhouse imp, standing in a corner, cocks an ear and turns green with envy. True, I have promised to do him a favor, but the jealousy of our kind is stronger than anything. Suddenly the rabbi says, "Forgive me, my Lord, but I require another sign."

"What do you want me to do? Stop the sun?"

"Just show me your feet."

The moment the rabbi of Tishevitz speaks these words, I know everything is lost. We can disguise all the parts of our body but the feet. From the smallest imp right up to Ketev Meriri we all have the claws of geese. The little imp in the corner bursts out laughing. For the first time in a thousand years I, the master of speech, lose my tongue.

"I don't show my feet," I call out in rage.

"That means you're a devil. *Pik*, get out of here," the rabbi cries. He races to his bookcase, pulls out the *Book of Creation* and waves it menacingly over me. What devil can withstand the *Book of Creation*? I run from the rabbi's study with my spirit in pieces.

שר של אדום האט אנגעריכט קעגן דיר ס׳גאנצע געזינדל חיצונים. דער שטן לויערט אויף דיר. אשמדאי גראבט אונטער דיר א גרוב. לילית און נעמה הויערן ביי דיין געלעגער. דו זעסט זיי נישט, אבער שברירי ברירי טרעטן דיר אויף די פיאטעס. ווען מלאכים וואלטן דיך נישט באשיצט, וואלטן די קליפות געמאכט פון דיר אש און פארעך. אבער דו ביסט נישט אליין, טישעוויצער רבי. סנדלפון דער שר היט דיינע טריט. מטטרון טוט אכטונג אויף דיר פון עולם הצחצחות. אלץ הענגט אויף משקולת, טישעוויצער! דו קאנסט איבערוועגן די וואגשאל.

— וואס זאל איך טאן?

— הארך מיך, אלץ וואס איך וועל דיך הייסן. אפילו ווען כ׳זאל דיר באפעלן צו זיין אן עובר על דת, טו מיין געבאט.

— ווער ביסטו? וואס איז דיין נאמען?

— אליהו התשבי. כ׳האלט גרייט דעם שופר של משיח. פון דיר, טישעוויצער, הענגט אפ צי ס׳זאל קומען די גאולה אדער מ׳זאל זינקען אין חושך של מצרים נאך תרפ״ט אלפים יאר.

א לאנגע ווייל האט דאס טישעוויצער רבל געשוויגן. דאס פנים זיינס איז געווארן אזוי ווייס ווי דאס שניצל פאפיר וואס דערויף האט ער געשריבן אן אויפטו.

— פון וואנען ווייס איך, אז דיינע רייד זענען וואר? — האט ער א פרעג געטאן מיט א ציטער אין קול. זיי מיר מוחל, הייליקער מלאך, נאר כ׳וויל א צייכן.

— ביסט גערעכט. דא איז א צייכן!

און איך האב געמאכט אזוי א ווינט אין בית־דין־שטוב, אז דאס בייגעלע פאפיר מיט דעם חידוש האט זיך אויפגעהויבן און גענומען פליען ווי א טויב. די בלעטער פון ספר האבן זיך געמישט פון זיך אליין. דאס פרוכת איבערן ארון־קודש האט זיך אנגעבלאזן. דעם טישעוויצער רבס קאפל האט זיך אפגעריסן פון קאפ, זיך א הייב געטאן ביז צום בעליק, צוריק אראפגעפאלן אויפן רבס שארבן.

— איז דאס א דרך הטבע? — האב איך געפרעגט.

— ניין.

— גלייבסטו שוין איצט?

דאס טישעוויצער רבל האט זיך א קווענקל געטאן.

— וואס הייסטו מיך טאן?

— א מנהיג הדור דארף זיין מפורסם.

— ווי אזוי ווערט מען מפורסם?

— פאר ארויס איבער דער וועלט.

— וואס וועל איך טאן אויף דער וועלט?

— זאג דרשות, זאמל געלט.

— פאר וועמען זאמלען?

— קודם זאמל. וואס צו טאן מיט דעם געלט וועל איך דיר שוין וויזן.

— ווער וועט מיר געבן?

— אז איך הייס, גיבן יידן.

— ווער וועט מיך אויסהאלטן?

— א שד״ר מעג אראפנעמען פאר זיך א חלק.

— ס׳בני־בית...

— ס׳עט קלעקן פאר אלעמען.

— וואס זאל איך טאן שוין איצט?

— פארמאך די גמרא.

— אוי, ס׳איז נפשי חשקה בתורה! — האט דער טישעוויצער א קרעכץ געטאן.

ער האט פון דעסט וועגן אויפגעהויבן דעם טאוול, גרייט צו פארמאכן. ווען ער טוט דאס, איז ער א פארטיקער. וואס האט דען געטאן יוסף דילה ריינה? דערלאנגט סמאלן א שמעק טאבעק. כ׳האב שוין געלאכט אין הארץ: טישעוויצער רבל, ביסט אין פעקל! דאס שדל פון באד, וואס איז געשטאנען אין א ווינקל און געלוישט, איז געווארן גרין פון קינאה. צוואר, כ׳האב אים צוגעזאגט צו טאן א טובה, אבער די נישט־פארגינעריי ביי אונדזערע לייט איז שטארקער פון אלץ. מיט א מאל טוט דאס רבל א זאג:

— פארגיב מיר, מיין האר, נאר כ׳פארלאנג נאך א ווארצייכן.

— וואס פארלאנגסטו? כ׳זאל אפשטעלן די זון?

— ווייז מיר די פיס.

